בעזרת השם יתברך

פרשת מטות מסעי

כ"ו תמוז ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 19, (106)

# גליון סיפורי מעשיות פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועזְן אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'קִידוּשָׁא רַבָּא' לְרֶגֶל דִי עֲלִיָּה לַתּוֹרָה פוּן אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. בַּיים קִידוּשׁ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועזְן אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי קֶען אַ בְּלִינְדֶער מֶענְטְשׁ קוּמֶען אַלֵיין?

דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיטְגֵיין מִיטְ'ן בֶּעטְלֶער, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גֶעזָאגְט מֶען קֶען נִישְׁט מִיטְקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעווָאוּנְטְשְׁן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִים. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט צוּגֶעהֶערְט זֵייעֶר גֶעוֵויין.

נָאכְדֶעם וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער. אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, מִיט זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, אַ טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד, וֶוען זֵיי זֶענֶען גְרוֹיס גֶעוָוארְן הָאט מֶען זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶועזְן אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה): "מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם): "אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם סֵפֶר זֶענֶען גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אָבֶּער דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז פוּל מִיט מוּסָר אוּן תּוֹרוֹת, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: דֶעם הַיינְטִיגְן שְׁטִיקְל אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג פַאר אַ חָתָן וָואס גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען, אוּן דִי חָתְן כַּלָּה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען. הָאבְּן זִיךְ חָתְן כַּלָּה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס השי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין וַואלְד.

## אַן הֵיילִיגֶע פָּאר פָאלְק

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זַיין צָרָה. גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַזוֹי, אַ בָּחוּר אוּן מֵיידְל זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ, מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען וֶוערְט מְסוּדָר, מֶען הֵייבְּט אָן בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב, פַארְגֶעסְט מֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער חָתָן כַּלָּה זֶענֶען גֶעוֶועזְן אַן הֵיילִיגֶע פָּאר פָאלְק, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ ווֵיינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, ווִי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד.

ווִי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ, וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גִיווָאוּנְטְשְׁן, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט ווִי אִיךְ. אִיהר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִיט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִיט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיינוּ ווִי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִים גָאר נִיט אָן אֲפִילוּ ווִי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גִישִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִים גָאר נִיט קֵיין זֶעהְן, אוּן קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט).

דֶער בֶּעטְלֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן סְתַּם אַ בֶּעטְלֶער, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ 'קְדוּשַּׁת הָעֵינַיִם', עֶר הָאט גֶעהַאט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, אוּן בִּין פָּארְט זֵייעֶר אַלְט.

בַּאלְד וֶועלְן מִיר מַסְבִּיר זַיין וָואס דָאס מֵיינְט.

אוּן נִיט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

אַמָאל זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַ סַאךְ שִׁיפְן, אוֹיף דֶעם יַם. אִיז גִיקוּמֶען אַ רוּחַ סְעָרָה, (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט) אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיפְן. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גִיוָוארְן, זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גִיקוּמֶען צוּ אֵיין טוּרֶעם, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דֶעם טוּרֶעם.

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם שִׁיף?

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר (אִין סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן), אַז דֶער 'שִׁיף' גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן גוּף, וָואס אִין אִיר אִיז דָא דִי נְשָׁמָה. ווִי אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם שִׁיף פוּן אַלֶע שְׁוֶועדֶע ווִינְטְן? דוּרְךְ דֶעם 'טוּרֶעם', - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן צַדִּיק, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, י): "מִגְדַּל עֹז שֵׁם ה' בּוֹ יָרוּץ צַדִּיק וְנִשְׂגָּב"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לֶערְנְט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיס: יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חָתָן: דֶערְצֵייל פַאר יֶעדְן דַיין 'מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה', ווִי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ

זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, פְּלֶעגְסְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אִיךְ וִויל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ.

אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען אַלֶערְלֵיי מַאֲכָלִים, אוּן מַשְׁקָאוֹת, אוּן מַלְבּוּשִׁים, אוּן וָואס מֶע בַּאדַארְף. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען כָּל טוּב, אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִין דֶער וֶועלְט.

בַּיים צַדִיק טְרֶעפְט מֶען אַלֶעס, וַוייל אֵיינְמָאל מֶען וֵוייסְט פוּן דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', הָאט מֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן אַז אִיטְלִיכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. וָואס עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן זִיכָּרוֹן. דְהַיְינוּ וָואס עֶר גִידֶענְקְט זִינְט סֶע הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער זִכָּרוֹן.

אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (כְּתוּבוֹת פֶּרֶק ה, הֲלָכָה ו) זֶעט מֶען אוֹיךְ וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע זִכָּרוֹן, דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט: "שְׁמוּאֵל אָמַר, חֲכִים אֲנָא לְחַיָיתָא דְיַלְדִין לִי", שְׁמוּאֵל הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ דִי הֵייבַּאם וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן מַיין מַאמֶע הָאבְּן דָאס קִינְד, "רִבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אָמַר, חֲכִים אֲנָא לְגְזוֹרָא דְגָזְרִין לִי", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ דֶער מוֹהֵל פוּן מַיין בְּרִית, "רִבִּי יוֹחָנָן אָמַר, חֲכִים אֲנָא לְנַשְׁיָיא דְצָבְתִין עִם אִימָּא", אוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מַיין מַאמֶע וֶוען זִי הָאט מִיר גֶעבּוֹירְן.

אִיז דָארְטְן גִיוֶוען אַלְטֶע אוּן יוּנְגֶע, הָאט מֶען מְכַבֵּד גִיוֶוען, דֶעם גְרֶעסְטְן זָקֵן וָואס סֶע גִיוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי, אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן (דְהַיְינוּ דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן), וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג. הָאט קֵיינֶער נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. לוּשְׁמִיר סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי גִיזָאגְט, אָוָוא, דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה.

'לוּשְׁמִיר' - מֵיינְט לוֹיטְ'ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ 'אָבֶּער'.

הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גִיוֶוען דֶעם אַנֶדערְן זָקֵן, וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן.

הָאט זִיךְ דֶער אַנֶדערֶער אָנְגִירוּפְן, אָט דָאס אִיז אֵיין אַלְטֶע מַעֲשֶׂה. (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְוִוינֶדערְט זִיךְ). אִיךְ גִידֶענְק דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִיבְּרֶענְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגִירוּפְן, הָאט דָאס אִיז נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער. אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גִיוֶוען, וָואס דֶער אַנֶדערֶער אִיז זִיךְ יוּנְגֶער, אוּן גִידֶענְקְט אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גִיוֶוען דֶעם דְרִיטְן זָקֵן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן. אוּן דֶער דְרִיטֶער אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען. הָאט דֶער דְרִיטֶער זִיךְ אָנְגִירוּפְן. אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט זִיךְ גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער פְּרִי אַז דִי פְּרִי הָאט גָאר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן דָארְט. דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער פֶערְדֶער זָקֵן אָנְגִירוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען. אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט גִיפִירְט דָאס קֶערְנֶדְל מֶע זָאל פְלַאנְצְן דִי פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער פִינְפְטֶער אָנְגִירוּפְן. וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנֶדְל. הָאט זִיךְ דֶער זֶעקְסְטֶער, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גִיוֶוען, אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם טַעַם פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער טַעַם אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער זִיבֶּעטֶער אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דֶעם רֵיחַ פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דֶער רֵיחַ אִיז אַרַיין אִין דֶער פְּרִי. הָאט זִיךְ דֶער אַכְטֶער אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק נָאךְ אַפִילוּ דִי מַרְאֶה פוּן דֶער פְּרִי, אֵיידֶער דִי מַרְאֶה אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער פְּרִי, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ דֶעמָאלְט גִיוֶוען גָאר אַ קִינְד.

(דְהַיְינוּ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ).

## וֶוער זֶענֶען דִי זְקֵנִים?

דִי אַלֶע אַכְט זְקֵנִים וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט דָא וָואס יֶעדֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זֵייעֶר זִכָּרוֹן, זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אוּן דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס.

אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ דָארְט גִיוֶוען הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפְן, אִיךְ גִידֶענְק דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת.

דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס עֶפְּל פוּן דִי צְוַוייג, וֶוען דִי לִיכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט, וֶוען דִי פֵּרִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן אַ פֵּרִי, וֶוען מֶען הָאט גֶעפִירְט דָאס קֶערְנְדְל מֶען זָאל פְלַאנְצְן דִי פֵּרִי, דִי חֲכָמִים וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל, דֶעם טַעַם פוּן דִי פֵּרִי - אֵיידֶער זִי אִיז אַרַיין אִין דִי פֵּרִי, דֶעם רֵיחַ פוּן דִי פֵּרִי - אֵיידֶער זִי אִיז אַרַיין אִין דִי פֵּרִי אוּן דִי מַרְאֶה פוּן דִי פֵּרִי - אֵיידֶער זִי אִיז אַרוֹיף אוֹיף דִי פֵּרִי.

אוּן אִיךְ גִידֶענְק גָאר נִישְׁט.

דָאס מֵיינְט אַז עֶר גֶעדֶענְקְט וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, פַאר בְּרִיאַת הָעוֹלָם. מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַשִׂיג זַיין וָואס דָאס מֵיינְט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפְן, הָאט דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה, עֶלְטֶער פוּן אַלֶע, אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גִיוֶוען, וָואס דָאס קִינְד גִידֶענְקְט מֶער פוּן אַלֶע. דֶערְוַוייל אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, אוּן הָאט אָנְגִיקְלַאפְּט אוֹיף דֶעם טוּרֶעם. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרִימֶע לַייט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן נִיצְט מִיט אַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיס גֵיין פוּן דֶעם טוּרֶעם עֶלְטֶער נָאךְ עֶלְטֶער, וֶוער סֶע עֶלְטֶער זָאל פְרִיעֶר אַרוֹיס גֵיין. הָאט עֶר זֵיי אַלֶע אַרוֹיס גִנוּמֶען פוּן דֶעם טוּרֶעם. הָאט עֶר פְרִיעֶר דָאס קִינְד אַרוֹיס גִינוּמֶען, וָוארְן צוּם אֶמֶת אִיז עֶר זִיךְ עֶלְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן וֶוער סֶע אִיז יוּנְגֶער גִיוֶוען הָאט עֶר אִים פְרִיעֶר אַרוֹיס גִינוּמֶען. אוּן דֶעם עֶלְצְטְן זָקֵן, הָאט עֶר גָאר צוּם סוֹף אַרוֹיס גִיפִירְט. וָוארְן וֶוער סֶע אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער, דֶער אִיז זִיךְ גִיוֶוען עֶלְטֶער. (וָוארְן וָואס יוּנְגֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ אֵיין עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט). אוּן דֶער עֶלְצְטֶער זָקֵן דֶער אִיז גִיוֶוען יוּנְגֶער פוּן זֵיי אַלֶע.

הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער צוּ זֵיי אָנְגִירוּפְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ מְפָרֵשׁ זַיין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט. דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ, אַז מֶע הָאט אָפְּגִישְׁנִיטְן דָאס עֶפֶּעלֶע פוּן דֶער צְוַוייג, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז מֶע הָאט אִים אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל. (כְּלוֹמַר אַפִילוּ דָאס וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ גִיטָאן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן, אַז מֶע הָאט אִים אָפְּגִישְׁנִיטְן דֶעם נָאפְּל, אַפִילוּ דָאס גִידֶענְקְט עֶר אוֹיךְ) אוּן דֶער אַנֶדערֶער, וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז דָאס לֶעכְט הָאט גִיבְּרֶענְט, מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַז עֶר אִיז גִיוֶוען בְּעִיבּוּר, וָואס דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף דֶעם קָאפּ. (וָוארְן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין דֶער גְמָרָא אַז דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בַּיי דֶער מוּטֶער אִין בּוֹיךְ, דֶעמָאלְט בְּרֶענְט אַ לֶעכְט אוֹיף זַיין קָאפּ וְכוּ').

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה ל:) בֶּעפָאר אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן: "נֵר דָּלוּק לוֹ עַל רֹאשׁוֹ וְצוֹפֶה וּמַבִּיט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ ... וּמְלַמְּדִין אוֹתוֹ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ", בְּרֶענְט אַ לִיכְט אוֹיף זַיין קָאפּ, דָאס קִינְד קֶען זֶען פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז דִי אַנְדֶערֶע עֶק וֶועלְט, אוּן אַ מַלְאָךְ לֶערְנְט מִיט אִים כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט אַז עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ אַז סֶע הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ וִוי זַיין גוּף הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן, דֶעמָאלְט אַז דָאס קִינְד הֵייבְּט נָאר אָן בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן. אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ, דֶעמָאלְט, אַז מֶע הָאט גִיפִירְט דָאס קֶערְנֶדְל צוּ פְלַאנְצְן דִי פְּרִי. דָאס אִיז, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַפִילוּ וִוי דִי טִפָּה אִיז נִמְשַׁךְ גִיוָוארְן. אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ דִי

חֲכָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגִיטְרַאכְט דָאס קֶערְנְדְל. מֵיינְט עֶר, עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ, אַפִילוּ אַז דִי טִפָּה אִיז נָאךְ גִיוֶוען אִין מֹחַ. אוּן דֶער גִידֶענְקְט נָאךְ דֶעם טַעַם, דָאס אִיז דָאס נֶפֶשׁ. אוּן דֶער רֵיחַ, דָאס אִיז דֶער רוּחַ. אוּן דִי מַרְאֶה, דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה. אוּן דָאס קִינְד הָאט גִיזָאגְט עֶר גִידֶענְקְט גָאר נִיט. וָוארְן עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן עֶר גִידֶענְקְט אַפִילוּ וָואס סֶע גִיוֶוען פַאר נֶפֶשׁ רוּחַ וּנְשָׁמָה. דְרוּם הָאט עֶר גִיזָאגְט, עֶר גִידֶענְקְט גָאר נִיט (כְּלוֹמַר עֶר גִידֶענְקְט נָאךְ אַז סֶע גָאר נִיט גִיוֶוען. גִידֶענְקְט עֶר אַפִילוּ וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גִיטָאן וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע).
דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט אִין דֶעם קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה.

אוּן דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט, קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ אַייֶערֶע שִׁיפְן, דָאס זֶענֶען אַייֶערֶע גוּפִין וָואס זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן גִיוָוארְן, זֵיי וֶועלְן ווידֶער גִיבּוֹיעֶט וֶוערְן. הַיינְט קֶערְט אַייךְ אוּם צוּ זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיבֶּענְטְשְׁט. אוּן צוּ מִיר, (דְהַיינוּ צוּם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) הָאט עֶר גִיזָאגְט. (דְהַיינוּ דֶער גְרוֹיסֶער אָדְלֶער) דוּ קוּם מִיט מִיר וָוארְן דוּ בִּיסְט אַזוֹי וִוי אִיךְ. וָוארִין דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן גָאר יוּנְג. אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ לֶעבִּין אוּן דוּ בִּיסְט פָּארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַזוֹי. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט. אוּן בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג וְכוּ'. נִמְצָא הָאבּ אִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם גְרוֹיסִין אָדְלֶער. אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט אוּן בִּין גָאר יוּנְג וְכוּ'. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

## אִיךְ בִּין אַלְט אוּן יוּנְג

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלְט אוּן גָאר יוּנְג?**

נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט אִים אַלְט, 'דוּ גֵייסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּ גֵייסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דַיינֶע מִדּוֹת? דוּ גֵייסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן? לָאז שׁוֹין אָפּ, לָאז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן', דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע אָנְגֶערוּפְן (קֹהֶלֶת ד, יג): "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל", וַוייל עֶר מַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְקוּקְן אַלְט. דַארְף מֶען הָאבְּן דִי זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אִיךְ קֶען זַיין אַלְט אָבֶּער אִיךְ בִּין גָאר יוּנְג, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ הֵייבּ הַיינְט אָן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, אוּן אַן אַלְטֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן. אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

## דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז שִׂמְחָה

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חָתָן: דוּ גֵייסְט יֶעצְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ וויסְן, דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז 'שִׂמְחָה'! אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג פַארְלֵייגְן, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא 'שִׂמְחָה' קֶען דִי שְׁטוּבּ הָאבְּן אַ קִיוּם. מִיט וָואס זָאל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? מִיט דֶעם אַלֵיינְס אַז מִיר זֶענֶען אִידְן!**

## חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים אִין שִׂמְחָה!

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד; וְשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), אַנְדֶערְשׁ וִוי אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן וָואס וֶוער עֶס הָאט מֶער חוּמְרוֹת אוּן מֶער חוּמְרוֹת – עֶר אִיז דֶער שְׁפִּיץ פוּן דִי חֲסִידוּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת". מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "רָאוּי לְכָל אָדָם שֶׁיִּבְחַר לְעַצְמוֹ מִצְוָה אַחַת", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה, "שֶׁבְּאוֹתָהּ הַמִּצְוָה יְדַקְדֵּק הַרְבֵּה וִיקַיֵּם אוֹתָהּ הַמִּצְוָה עִם כָּל הַחֻמְרוֹת וְהַדִּקְדּוּקִים", אוּן מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים אִין דִי מִצְוָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, מֶען פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי", אִין וָואס פַאר אַ זַאךְ אִיז דַיין טַאטֶע גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט?

זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, וָואס פַאר אַ מִצְוָה זָאלְן מִיר נֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער מִצְוָה וואו מֶען וֶועט אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים? שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; דַארְף מֶען זֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶכְט קוּמְט נִישְׁט אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס קוּמְט נִישְׁט יֶעצְט אַרַיין אַ שְׁמֵייכְל, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ מַחְמִיר אוּן אִיךְ גֵיי נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ.

## פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת

סְתַּם אַזוֹי פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ מִיט 'פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת', מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת? אַז אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין צִיגַארֶעטְל שַׁבָּת? אַז אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאוֹן שַׁבָּת?! אֶפְשָׁר אַ שְׁוַואכֶער אִיד קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אָבֶּער אִיךְ פְרֵיי זִיךְ נָאר אוֹיבּ אִיךְ מַאךְ אַ תַּעֲנִית דִבּוּר אוּם שַׁבָּת, אָדֶער אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁפִּירְן קַיין טַעַם אִין דִי עֶסְן אוּם שַׁבָּת... אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוּן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק פוּן פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת, פְרֵיי זִיךְ: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד!' 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת!'

## אַ גֶעשְׁמַאק אִין מִצְוֹת

אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֶמֶת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ קוּם פוּן זֵייעֶר אַ פֵיינֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער זֵיידֶע, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וואו אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזֶען נָאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה; אַלְס אִינְגֶערְמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה צוּ פַּסְקֶ'ענֶען שְׁאֵלוֹת, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַרוֹיס גֶעפַאלְן אַז מֶען הָאט מִיר גֶעדַארְפְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ אִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶפְנְט מַיינֶע אוֹיגְן, עֶס אִיז מִיר פָּשׁוּט לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין מִיר אַ שִׂמְחָה אִין שַׁבָּת, אַ שִׂמְחָה צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אַזַא גֶעשְׁמַאק אִין מִצְוֹת אַז אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער, אִיךְ פַארְגִין פַאר יֶעדְן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם גֶעשְׁמַאק.

## מַיין קִינְד אִיז אַ אִיד, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין!

מֶען זֶעט אַסַאךְ מָאל אַ טַאטֶע זָאגְט פַאר זַיין זוּן מוּסָר: "וָואס וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִיר?!" וִויפִיל דֶער קִינְד פְּרוּבִּירְט נָאר צוּ טוּן גוּטְס, שְׁרֵייט עֶר נָאכְאַלְץ: "וָואס וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן דִיר?!" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט טֶעכְטֶער, אוּן אֵיין זוּן וָואס אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן יוּנְגֶערְהֵייט, הָאט דֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ זוּן וָואס זָאל גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט תְּפִילִין", דָאס אִיז אַן הַשָּׂגָה! גֶעוֶוענְלִיךְ ווילְן מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אָנְצֵייגְן אוֹיף זֵייעֶר קִינְד: "כַּאפּ אַ שְׁמוּעֶס מִיט מַיין זוּן, עֶר קֶען דִי קְלֵיינֶע אוֹתִיּוֹת", דִי גַאנְצֶע חִיּוּת אוּן סִפּוּק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וֶוען זַיין קִינְד אִיז עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מַיין חִיּוּת וָואלְט גֶעוֶוען אַז 'מַיין קִינְד אִיז אַ אִיד, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין', מִיט דֶעם אַלֵיין וָואלְט אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען.

אַסַאךְ מָאל גֶעבּ אִיךְ אַ גְרוּס פַאר אַ טַאטֶע: "דוּ הָאסְט אַזַא טֵייעֶר קִינְד, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, עֶר דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב", קוּקְט עֶר מִיר אָן מִיט וואוּנְדֶער, 'דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט מִיר צוּ זָאגְן?!' אִיךְ קוּק אִים צוּרִיק אָן, 'וָואס נָאךְ ווילְסְטוּ? דוּ דַארְפְסְט כָּבוֹד אַז יֶעדֶער זָאל שְׁמוּעֶסְן פוּן אִים?! דוּ דַארְפְסְט דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דַיין זוּן אִיז אַ אִיד, עֶר טוּט אָן תְּפִילִין, דַיין זוּן דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב!'

## עֶר אִיז אַ מְצוּיָּין...

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הַאלְט פַאר אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ זוּן, זָאג אִיךְ פַארְ'ן שַׁדְכָן דִי מַעֲלוֹת פוּן מַיין זוּן, "מַיין זוּן אִיז אַ לִיכְטִיג קִינְד, עֶר אִיז אַ מְצוּיָּין, עֶר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער! עֶר טוּט אָן תְּפִילִין! עֶר הִיט שַׁבָּת! אוֹיךְ אִיז עֶר מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע!" – "וָואס הֵייסְט? וָואס קֶען מֶען אִים פַארְהֶערְן?!" - זָאג אִיךְ: "גָארְנִישְׁט; דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג? אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט?!"

יעדער איינער דארף זיך פרעגן די קשיא: 'האב איך א שמחה אז איך היט שבת?' 'איך פריי זיך אז איך בין א איד?' אויב נישט – דארף איך תשובה טון!

## פארוואס ליגט די בענקל אזוי...

א אינגערמאן דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיין פרייליך, ווייל אז ער איז פרייליך וועט ער שוין אויך פרייליך מאכן זיין ווייב, און אז ער איז דעפרעסט, וועט ער נאר טרעפן פראבלעמען אינדערהיים, 'פארוואס איז דאס נאכנישט געמאכט?' און 'פארוואס איז דאס נאכנישט געמאכט?' פארוואס ליגט דאס אזוי? קענסט עס נישט לייגן די אנדערע וועג?' 'פארוואס ליגט די בענקל אזוי?' און 'פארוואס זיצטו אזוי?'... אז א מענטש איז פרייליך איז אים גוט, גארנישט שטערט אים שוין נישט.

## וועמענ'ס געלט איז דאס?!...

דער הייליגער תנא, רבי שמעון בן יוחאי, הייבט אן זיין ספר תיקוני זהר מיט זייער א שארפע שטיקל (הקדמה ב.): "**קמצן נבל בממוניה, דלאו איהו נדיב ולאו איהו מזרעא דאבהן**", א קמצן איז א נבל און דאס איז א סימן אז ער שטאמט נישט פון אידן רחמנא לצלן. אז א מענטש האט נישט קיין גוטע מדות, ער איז קארג אינדערהיים, דארף ער תשובה טון.

עס זענען דא אינגעלייט וואס ווען די ווייב בעט זיי געלט פאר א גוי'טע וואס זאל העלפן ריינינגן די שטוב, הייבן זיי אן צו שרייען: "**פארוואס בעטסטו געלט? דו עסט מיר אויף מיין געלט!**" און מען רעדט נישט דא ווען דער אינגערמאן ארבעט, מען רעדט דא פון א כולל אינגערמאן, וואס זיין ווייב גייט ארבעטן, און זי איז וואויל, מען האט איר אויסגעלערנט זי זאל געבן די גאנצע ענוועלאופ געלט פאר'ן מאן! נאכדעם ווען ער עפנט אויף דעם ענוועלאופ און זעט ווי עס פעלט אפאר שקלים, שרייט ער ווייטער אויף זיין ווייב: "**וואו איז די איבריגע געלט?**" זי ציטערט צו זאגן דעם אמת אז "**איין טאג בין איך געווען זייער הונגעריג בין איך געגאנגען קויפן עפעס צו עסן**", – וואס שרייסטו 'דו עסט מיר אויף "מיין" געלט'? וועמענ'ס געלט איז דאס?! גיי דו ארבעטן! זי טאר נישט נעמען איינער זאל איר העלפן ריינינגן די הויז?! זי טאר זיך נישט קויפן עפעס צו עסן?!

## מען קען טון איין זאך מיט געלט

וואס קען מען טון מיט געלט? מען קען דען עסן געלט?! מען קען גארנישט טון מיט געלט, אויסער איין זאך: מען קען עס געבן פאר די ווייב!

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא נט.): "**אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו**", אז מען איז מכבד די ווייב ווערט מען רייך. דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סט) אז די גאנצע עשירות וואס א מענטש האט – איז פון זיין ווייב.

## א קמצן מיט ווערטער

מען דארף אויך וויסן אז א 'קמצן' מיינט מען נישט נאר דער וואס קארגט אויף געלט, א קמצן איז אויך בדבור, מען קארגט גוטע ווערטער, מען קארגט קאמפלימענטן. מען מוז זאגן גוטע ווערטער אין שטוב.

## פאר'מיאוס'ן די עולם הזה

ביי די וועלט איז דער נושא פון 'שלום בית' א מאדערנע זאך, איך געדענק ווען איך האב אנגעהויבן צו קומען צו די ליל שישי שיעורים פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, און איך האב געהערט ווי מוהרא"ש רעדט פון שלום בית, איז מיר עס געווען זייער אינטערעסאנט, איך האב געטראכט צו מיר: 'פון דעם רעדט מען ביי א ליל שישי שיעור?' 'א רב רעדט פון שלום בית? מען וואלט געדארפט רעדן ווי אזוי צו פאר'מיאוס'ן די עולם הזה!' אבער דער רבי זאגט אנדערש, דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רסג) נאר אויב מען איז מכבד די ווייב, מען רעדט שיין אינדערהיים, מען געבט גוטע ווערטער, קען מען פאר'מיאוס'ן די עולם הזה!

בחורים האבן נישט געקענט קומען צום רבי'ן, ווען א בחור איז געקומען צום רבי'ן האט דער רבי אים געזאגט: "**קום צוריק מיט א טלית**", ווייל נאר אויב מען איז חתונה געהאט קען מען האבן א ריינע מח מחשבה, דער רבי אליינס האט חתונה געהאט ביי די דרייצן יאר (עיין שבחי הר"ן, סימן ג), ווייל אז מען האט חתונה איז מען זויבער און ריין פון עבירות. און אפילו מען האט שוין חתונה געהאט דארף מען האבן שלום בית, ווייל אז מען קריגט זיך אין שטוב האט מען נישט קיין מח, מען ווערט אויס מענטש, און נאכדעם פאלט מען אראפ אין א טיפע גרוב.

אמאל איז דער רבי געזעצן ביים טיש מיט זיינע תלמידים, אינמיטן האט זיך דער רבי אנגערופן: "**ווי וואגט זיך צו קומען צו מיין טיש איינער וואס האט נישט קיין ריינע מחשבות**", און דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט, ער איז אריין אין זיין צימער און מער נישט געוואלט בלייבן זיצן ביים טיש. מוהרא"ש פלעגט דערציילן, וואס איז געווען די מעשה מיט דעם אינגערמאן? דער אינגערמאן האט זיך אביסל צעאמפערט מיט זיין ווייב בעפאר ער איז געקומען צום רבי'ן, און דער רבי האט שוין נישט געוואלט זיצן מיט אים ביי איין טיש.

## קוק אויף די פארענטשעס...

אוודאי זעט מען דאס נישט אן פון אינדרויסן, עס קען אויסקוקן 'וואס דארף מען רעדן פון די סארט זאכן? יעדער האט א ריינע מח, קוק אויף די פארענטשעס ווי אלע אידן זענען יראים ושלמים', אבער דאס איז א זאך אין מח, נאר אז מען האט שלום בית האט מען א ריינע מח, און מען קען זיך שטארקן אויף די נסיונות אין גאס, מען קען לערנען און דאווענען.

לאמיר געדענקן וואס דער רבי האט געזאגט: "**איך בין זייער אלט, און איך בין נאך גאר יונג, איך האב נאכנישט אנגעהויבן צו לעבן**"; איך בין אלט אבער איך הייב אן פון יעצט, אויב האב איך זיך נעכטן געקריגט אין שטוב, וועל איך היינט אהיים גיין מאכן א שיינע שבת'דיגע סעודה, איך גיי מאכן פרייליך אינדערהיים, איך וועל געבן גוטע ווערטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער חתן זאל אויפשטעלן א שיינע שטוב מיט שיינע ליכטיגע דורות, און די עלטערן זאל זען אסאך נחת פון זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען לכבוד די שמחה: "**סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל**".

בס"ד

כולל

היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

התודה והברכה

לידידינו היקר

מוה"ר יואל ראטענבערג שליט"א

שנדב סכום הגון לכוללינו



קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876